אַלס דעלעגאַטן צו אונדזער קאָנפֿערענץ זיַינען געשיקט געוואָרן די טעטיקסטע מיטגלידער פֿון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס. פֿון די שריפֿטזעצער איז געקומען דער גרינדער פֿון דער יוניאָן, י. ווערבער; פֿון די ייִדישע כאָריסטן זיַינען געקומען ל. לענצער און י. קרינסקי; פֿון ייִדישן (8טן) ברענטש סל"פּ זיַינען געקומען י. מאַגידאָוו און דער שריַיבער פֿון דיזע שורות. דער רוסישער (17טער) ברענטש סל"פּ האָט געשיקט אַלס זיַינע דעלעגאַטן מאָריס הילקוויטן און ל. באַנדעסן. די פֿאַרטרעטער פֿון די דיַיטשע געווערקשאַפֿטן זיַינען געווען צוויי, דאַן גוט באַקאַנטע דיַיטשע סאָציאַליסטן: אַ. הובער און מ. גרעיקע. עס איז אויך געווען אָנוועזנד ביַי יענער קאָנפֿערענץ וו. ראָזענבערג, דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פֿון „סאָציאַליסט“, דער אָפֿיציעלער דיַיטשער אָרגאַן פֿון דער סל"פּ צום שלוס פֿון דער קאָנפֿערענץ איז דערשינען אַ דעלעגאַט פֿון נאָך אַ ייִדישער יוניאָן, וועלכע אָט זיך אין דער זעלבער וואָך געהאַט אָרגאַניזירט. דאָס איז געווען די ייִדישע אַקטיאָרן־יוניאָן. זייער דעלעגאַט איז געווען דער שוישפּילער מ. סימאָנאָוו.
רעדעס זענען אויף יענעם מיטינג געהאַלטן געוואָרן ווייניק. אַלע אָנוועזנדיקע זיַינען געווען איַינשטימיק, אַז דער פּלאַן צו גרינדן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפֿט פֿון ייִדישע יוניאָנס איז אַן אויסגעצייכנטער. נאָך אַ קורצער דיסקוסיע

איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פּלאַטפֿאָרמע זאָל זײַן אַ סאָציאַליסטישע. די פּאָרלויפֿיקע פּראָגראַם פֿון טעטיקייט זאָל זײַן: 1) קעגנזײַטיקע שטיצע פֿון איין יוניאָן צו דער צווייטער; 2) גרינדן נײַע יוניאָנס אין די טריידס וועלכע זײַנען נישט אָרגאַניזירט; 3) שטיצן די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע צווישן די ייִדישע אַרבעטער.

מיך האָט מען פֿאָרגעשלאָגן צו זײַן דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטער. איך האָב זיך געפֿילט גליקלעך מיט דעם, וואָס מ׳האָט מיר אָנפֿאַרטרויט אַזאַ הייליקע אַרבעט. איך האָב עס אָנגענומען מיט גרויס דאַנקבאַרקייט. אַלס קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטער איז דערוויילט געוואָרן מאָריס הילקוויט, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ העמדל־אָפּערייטאָר (אַ שוירטמאַכער). די דעלעגאַטן פֿון די דײַטשע געווערקשאַפֿטן האָבן אונדז געגעבן 10 דאָלאַר צושטײַער פֿאַר אונדזער טעטיקייט. די בײַשטײַערונג האָט אַרויסגערופֿן דעם האַרציקסטן ענטוזיאַזם פֿון די אָנוועזנדיקע.

אויפֿן ראַט פֿון וו. ראָזענבערג, רעדאַקטאָר פֿון דײַטשן „סאָציאַליסט“, איז באַשטימט געוואָרן די נײַע קערפּערשאַפֿט אַ נאָמען צו געבן „פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן“. עס הייסט, אַ שוועסטער־אָרגאַניזאַציע צו די „פֿאַראייניקטע דײַטשע געווערקשאַפֿטן“. מען האָט אויך באַשלאָסן צו האָבן מיטינגען יעדן מאָנטיק אָוונט. די בײַטראָגן פֿון יעדער יוניאָן איז באַשלאָסן געוואָרן זאָל זײַן 50 סענט אַ מאָנאַט. אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע איז דערוויילט געוואָרן צו גרינדן נײַע יוניאָנס, ווי אויך העלפֿן די שוין עקזיסטירנדיקע יוניאָנס.

דיזע ערשטע אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע האָט געהאַט אַ זייער שווערע אויפֿגאַבע. זי האָט געמוזט פֿריִער צעאַקערן דעם פֿעלד, אָפּראַמען פֿון וועג די שטיינער און דערנער.

די ערשטע צוויי יוניאָנס, וועלכע די אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע האָט געגרינדעט, זײַנען געווען – די שוירטמאַכערס־יוניאָן און די „פֿאַראייניקטע שנײַדער־יוניאָן“.

די מיטגלידער פֿון דער שוירטמאַכער־יוניאָן זײַנען געווען די סמעטענע פֿון די ייִדישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן פֿון יענער צײַט: מאָריס הילקוויט, מ. זאַמעטקין, ל. מילער, ר. לואיס, י. מאַגידאָוו, ליוביטש א"אַ. די שנײַדער־יוניאָן האָט געהאַט בלויז איינעם, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פֿון יענער צײַט. דאָס איז געווען דער פֿריִער דערמאָנטער באַרסקי.

אַ ביסל שפּעטער זײַנען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן יוניאָנס פֿון פּענטסמייקערס און פֿון ני־פּענטס־מייקערס.
די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן איז גלײַך געוואָרן פֿאַר די ייִדישע יוניאָנס אַלעס: זי האָט אָרגאַניזירט די יוניאָן, געלערנט די אַרבעטער ווי צו פֿירן אַ מיטינג. געפֿירט זייערע סטרײַקס, געמאַכט סעטלמענטס מיט בעלי־הבתּים, געלערנט די יוניאָנס פֿירן ביכער, געטאָן יעדע קלייניקייט פֿאַר יעדער יוניאָן.

די נאָדל־טריידס בײַ וועלכע ייִדישע אַרבעטער זײַנען געווען באַשעפֿטיקט, זײַנען געלעגן אונטער דער „סוועטינג סיסטעם“. די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן האָט זיך גלײַך נאָך איר גרינדונג גענומען צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער פֿון די „סוועטשעפּער“.
דעם 1טן יאַנואַר, 1889, האָט די געווערקשאַפֿטן אָרגאַניזירט אַ קלאָוקמאַכער־יוניאָן, זי האָט אָבער עקזיסטירט בלויז אייניקע מאָנאַטן. פֿון איר איז פֿאַרבליבן בלויז איין אָרגאַניזירטער שאַפּ – די אַרבעטער פֿון „פֿרידלענדער קלאָוק־פֿירמע“.

אַ ני־פּענטס־מאַכער־יוניאָן, ווי שוין געזאָגט פֿריִער, איז אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך אין יאָר 1888. די אָרגאַניזאַטאָרן זײַנען געווען סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן. דיזע יוניאָן האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די געווערקשאַפֿטן דעם 9טן פֿעברואַר, 1889.

דעם 19טן פֿעברואַר, 1889, האָט די געווערקשאַפֿטן אָרגאַניזירט אַ יוניאָן פֿון זײַד־וועבער־אַרבעטער. אין אויגוסט פֿון זעלבן יאָר איז אָרגאַניזירט געוואָרן לאָקאַל 24 טעקסטיל־אַרבעטער־יוניאָן. אין מאַרטש, 1889, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ ייִדישע מוזיקער־יוניאָן. אין זעלבן יאָר זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן די ייִדישע בעקער־יוניאָן, לאָקאַל 31; אַ ייִדישע בוכבינדער־יוניאָן, וועלכע האָט זיך באַלד אָנגעשלאָסן אָן דעם דעמאָלטיקן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד „נײַטס אָוו לייבאָר“, און אַ יוניאָן פֿון סטאָליאַרעס (קאַרפּענטער).

אין זעלבן יאָר, אין מאָנאַט מאַרטש, האָט די געווערקשאַפֿטן אַרײַנגענומען צו זיך די קאַפּן־מאַכער־יוניאָן, וועלכע האָט זיך צו יענער צײַט געהאַלטן אין אויפֿלייזן, און די געווערקשאַפֿטן האָט זי אויפֿגעלעבט. מיט צוויי מאָנאַט שפּעטער איז אויפֿגעבויט געוואָרן אַ יוניאָן פֿון פֿורס (בײַטלער)־אַרבעטער.

די געווערקשאַפֿטן האָט דאַן אויך געפֿירט אַ ריי סטרײַקס אין פֿאַרשידענע ייִדישע טריידס.

נאָך אַ יאָר עקזיסטענץ האָט די געווערקשאַפֿטן אויך געשיקט צוויי דעלעגאַטן צום ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן און אַרבעטער־קאָנגרעס. דער קאָנגרעס איז פֿאָרגעקומען אין מאָנאַט יולי, 1889, אין פּאַריז. די דעלעגאַטן פֿון די געווערקשאַפֿטן זײַנען געווען ל. מילער און נ. באַרסקי, אַ שריפֿטזעצער. ביידע דעלעגאַטן זײַנען געפֿאָרן אויף זייערע אייגענע הוצאָות.

דער נעקסטער יאָר איז פֿאַר די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן געווען דער פּרוכטבאַרסטער פֿון יענער פּעריאָדע. אין מאָנאַט מאַרטש, 1890, האָט די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן שוין געציילט 32 יוניאָנס.

אין יענעם מאָנאַט איז דערקלערט געוואָרן אַ גרויסער סטרײַק פֿון קלאָוקמאַכער און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ יוניאָן פֿון זיבן טויזנט קלאָוק־אַרבעטער. יאָזעף באַראָנדעס, וועמען די געווערקשאַפֿטן האָט געשיקט צו די קלאָוקמאַכער צו פֿירן דעם סטרײַק, איז דערוויילט געוואָרן אַלס מענעדזשער פֿון יענער קלאָוקמאַכער־יוניאָן.

עס האָבן דעמאָלט אויך געסטרײַקט (אַלץ אין מאָנאַט מאַרטש, 1890) די רעקשנײַדער, די פּענטסמאַכער, די ני־פּענטס־מאַכער, די העמדל־נייערס, די סאָדע־וואַסער־אַרבעטער און סוספּענדערס־אַרבעטער. אַלע סטרײַקס זײַנען געפֿירט געוואָרן פֿון די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן.

אין איין יאָר צײַט, אַלזאָ, איז די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן געוואָרן באַרימט.

אין זעלבן יאָר (1890), איז געגרינדעט געוואָרן די וועכנטלעכע סאָציאַליסטישע „אַרבעטער־צײַטונג“, וועלכע די געווערקשאַפֿטן האָט אָנערקענט אַלס איר אָפֿיציעלן אָרגאַן.
אין יאָר 1891, האָבן די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן און די ייִדישע ברענטש פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי דערוויילט אב. קאַהאַנען אַלס דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך דעם יאָר געדאַרפֿט צוזאַמענקומען אין בריסל, בעלגיע. פֿאַר זײַן אָפּפֿאָרן פֿון ניו־יאָרק, האָט קאַהאַן צוגעשיקט אַ בריוו צו דער ביוראָ, וועלכע האָט אָרגאַניזירט דעם קאָנגרעס, אַז אַ פּונקט אויפֿן טאָג־אָרדענונג זאָל זײַן – „ווי די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פֿון אַלע לענדער זאָלן זיך פֿאַרהאַלטן צו דער ייִדן־פֿראַגע“. ווען ער איז געקומען צום קאָנגרעס, האָט ער געלאָזט דרוקן אַ פֿלוגשריפֿט, וועלכער האָט אַנטהאַלטן אַלע וויכטיקע פֿאַקטן און ציפֿערן וועגן דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, וועגן די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן, אירע יוניאָנס, און זייערע סטרײַקס. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס פֿאַר דער אַרבעטערשאַפֿט פֿון דער גאַנצער וועלט איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרן אַ ייִדישער ברודער. ווען קאַהאַן האָט געטיילט דעם פֿלוגשריפֿט צווישן די דעלעגאַטן פֿון די פֿאַרשידענע לענדער, זײַנען זיי געוואָרן פֿאַראינטערעסירט. דער

אינטערעס איז געווען צוליב דער נײַעס – ייִדישע אַרבעטער זײַנען דאָ!... עס איז כּמעט אין אַלע לענדער פֿון דער וועלט געווען אַ באַגריף, אַז אַלע ייִדן זײַנען באַנקירן, פֿאַבריקאַנטן, סוחרים. עס זײַנען פֿאָרגעקומען דעבאַטן מיט קאַהאַנען, ער האָט אויך פֿאָרגעשלאָגן אַ רעזאָלוציע בײַם קאָנגרעס צו באַגריסן וואַרעם די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער פֿון אַמעריקע און פֿאַרדאַמען דעם אַנטיסעמיטיזם אומעטום. די רעזאָלוציע האָט פֿאַרנומען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון קאָנגרעס אַ היפּשע צײַט, און איז נאָך דעם דיסקוטירט געוואָרן אין דער פּרעסע פֿון פֿיל לענדער.

אַ נײַעם קאַפּיטל געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק האָט די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן בײַ איר גרינדונג אָנגעהויבן שרײַבן.

**דער סטרײַק הגדול פֿון די ניו־יאָרקער שנײַדער־אַרבעטער אין 1913**

ווי איך האָב שוין דערציילט אין די פֿריִערדיקע קאַפּיטלען, האָט מען נאָך מיט 50 יאָר צוריק זיך אָנגעשטרענגט צו אָרגאַניזירן די שנײַדער־אַרבעטער. דאָס האָט זיך אין די פֿילע יאָרן קיין מאָל ניט אײַנגעגעבן. דאָ און דאָרט פֿלעגט מען אָרגאַניזירן אַ שנײַדער־יוניאָן. יעדן אָנפֿאַנג פֿון ברענסיזאָן פֿלעגט די שנײַדער־יוניאָן רופֿן אַ „דזשענעראַל סטרײַק“, פֿלעגט סעטלען געוויסע שעפּער, און נאָכן סיזאָן פֿלעגט ווערן אויס יוניאָן. בײַם נײַעם סיזאָן פֿלעגט מען ווידער רופֿן אַ „דזשענעראַל סטרײַק“ מיט די זעלבע רעזולטאַטן. איין גוטע זאַך אָבער האָבן די אַמאָליקע שנײַדער־יוניאָנס יאָ אויפֿגעטאָן: נאָך מיט יאָרן צוריק האָט די שנײַדער־יוניאָן אײַנגעפֿירט וואָכאַרבעט אין געוויסע צווײַגן פֿון פֿאַך, אָנשטאָט ציל־ אָדער שטיק־אַרבעט. דאָס איז אָבער ניט געווען אין אַלע לײַנס אַרבעט. בײַ הויזן, וועסטן, קינדער הייזקעס און אַנדערע לײַנס האָט מען די גאַנצע צײַט געאַרבעט פֿון שטיק. דערפֿאַר אָבער זײַנען די אַרבעטער־שׂכירות אין אַלע אָפּטיילן פֿון שנײַדערפֿאַך געווען קלאָגעדיקע. די באַהאַנדלונג פֿון די שנײַדער אין די שעפּער איז געווען כּמעט אַן אוממענטשלעכע. די שנײַדער־אַרבעטער האָבן שטענדיק געשריִען, אַז זיי קענען קיין לעבן ניט מאַכן.

שלעכט איז געווען די לאַגע פֿון די שנײַדער־אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די קליינע שעפּער, אָבער נאָך ערגער איז געווען די לאַגע פֿון די אַרבעטער, וואָס האָבן געשקלאַפֿט אין די גרויסע קליידער־פֿאַבריקן, ווו עס זײַנען געווען באַשעפֿטיקט פֿון פֿינף הונדערט ביז אַ טויזנט אַרבעטער אין איין שאַפּ. די שׂכירות זײַנען געווען שרעקלעך קליין. הײַנט די געזעצן, וואָס די מיליאָנערסקע פֿאַבריקאַנטן פֿלעגן אויף די ווענט פֿון זייערע שעפּער אויסקלעפּן, זײַנען פּשוט געווען ניט אויסצוהאַלטן.

די דעלעגאַטן פֿון די שנײַדער־לאָקאַלס פֿלעגן בײַ די פֿאַרזאַמלונגען פֿון די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן זיך באַראָטן וועגן דער טרויעריקער לאַגע פֿון די שנײַדער־אַרבעטער. ווען זיי האָבן געזען, אַז מען האָט אין 1909 און אין 1910 דורכגעפֿירט אַזעלכע ווונדערבאַרע גענעראַל־סטרײַקס אין דער ליידיס ווייסט, קלאָוק, פֿאָר און אַנדערע אינדוסטריען, האָבן זיי גענומען פֿאָדערן, אַז מען זאָל זען עטוואָס טאָן אויך פֿאַר זיי. דאָס איז געווען נאָך אין יאַנואַר, 1911.

ווי שוין פֿריִער געזאָגט, זײַנען די שנײַדער אויך ניט געווען צופֿרידן מיט זייער אינטערנעשאָנאַל, די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס“ (יג"וו), וועלכע האָט, לויט זייער מיינונג, ניט געוואָלט מאַכן קיין ערנסטע אָנשטרענגען צו אָרגאַניזירן די שנײַדער־אינדוסטריע. די ניו־יאָרקער שנײַדער־אַרבעטער האָבן אָבער ניט גערוט. זיי האָבן נאָך אין

יאָר 1907, מיט דער הילף פֿון די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן, אַרויסגערופֿן גרויסע שאַפּ־סטרײַקס. די ניו־יאָרקער לאָקאַל־יוניאָן, די „בראָדערהוד אָוו טײלאָרס‟, האָט דאַן אַרונטערגענומען אין סטרײַק אַ גרויסע צאָל שעפּער. צווישן זיי האָבן זיך געפֿונען אייניקע לייבל־שעפּער, וואָס האָבן געהאַט געסעטלט פֿריִער מיט די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס‟ און האָבן געהאַט אַגרימענטס. און דערפֿאַר ווײַל די שנײַדער־אַרבעטער האָבן אַרונטערגענומען אין סטרײַק די פּאָר געסעטלטע יוניאָן־לייבל־שעפּער, האָט מען די אַלע טויזנטער סטרײַקנדיקע שנײַדער אין מיטן קאַמף אַרויסגעוואָרפֿן פֿון די „יונײַטעד גאַרמעט וואָרקערס‟. דאָך איז יענער סטרײַק אין אָנפֿאַנג געוווּנען געוואָרן אין פֿילע שעפּער, אָבער צוליב דער שטערונג פֿון די „יונײַטעד גאַרמעט וואָרקערס‟ האָבן שפּעטער די שנײַדער־אַרבעטער אַלץ צוריק פֿאַרלאָרן. די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן איז אין יענעם קאַמף, סײַ קעגן די קליידער־פֿאַבריקאַנטן און סײַ קעגן די קאָנסערוואַטיווע „יונײַטעד גאַרמעט וואָרקערס‟, געשטאַנען מיט די שנײַדער־אַרבעטער ביזן סוף.

„די יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס‟ האָבן דאַן געגרינדעט אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן קעגן דער אויסגעשלאָסענער „בראָדערהוד אָוו טײלאָרס‟, וועמענס פֿירער עס זײַנען געווען ג. ווישניאַק און קאָהן, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט אַ צימלעך גוטע שנײַדער־יוניאָן. זיי האָבן געקראָגן די פֿולע שטיצע פֿון די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן. די אינדעפּענדענט בראָדערהוד אָוו טײלאָרס האָט זיך אויך אין אַ צײַט אַרום געהאַט פֿאַרבונדן מיט איינעם אַ געוויסן הערי ווײַט, אַ קאַטער, וועלכער איז אַ געוויסע צײַט געווען דער סעקרעטאַר פֿון די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס אָוו אַמעריקאַ‟. די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן האָט אָבער קיין צוטרוי ניט געהאַט צו הערי ווײַט און זי האָט די „בראָדערהוד אָוו טײלאָרס‟ דאַן אויסגעשלאָסן. דאָס האָט געפֿירט דערצו, אַז דיזע יוניאָן זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן.

אין אַ קורצער צײַט אַרום, אין יאָר 1908, האָט די אויסגעשלאָסענע „בראָדערהוד אָוו טײלאָרס‟ שלום געמאַכט מיט די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס‟, וועלכע האָבן געהאַט אָרגאַניזירט אַ לאָקאַל פֿון רעק־שנײַדער, וואָס האָבן געאַרבעט רעק מיטן יוניאָן־לייבל.

אין אָקטאָבער 1910 האָט אין ניו־יאָרק ווידער אויסגעבראָכן אַ גענעראַל־סטרײַק פֿון די רעקשנײַדער, מיטגלידער פֿון די „בראָדערהוד אָוו טײלאָרס‟ פֿון ניו־יאָרק. די הויפּט־פֿאָדערונג איז געווען 53 שטונדן אַ וואָך אַרבעט. עס האָט ניט גענומען לאַנג און מען האָט ווידער געסעטלט מיט 300 שעפּער. באַלד אָבער איז פֿון דעם זיג קיין זכר ניט געבליבן. די אורזאַך פֿון דעם איז געווען, וואָס די שנײַדער זײַנען ניט געווען גוט אָרגאַניזירט.

ענד 1910 און אין אָנפֿאַנג 1911 האָבן אין שיקאַגע געסטרײַקט צוואַנציק טויזנט שנײַדער־אַרבעטער. אין יענעם סטרײַק האָבן זיך די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס‟ גאַנץ ווייניק געמישט. די שיקאַגער סענטראַל פֿעדערייש אָוו לייבאָר, די „ווימענס טרייד יוניאָן ליג‟ און די גאַנצע שיקאַגער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געהאָלפֿן יענעם שנײַדערסטרײַק. בלויז די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס‟ האָבן ניט געוואָלט העלפֿן דעם סטרײַק.

דער סטרײַק האָט זיך געענדיקט אין יאַנואַר פֿונעם יאָר 1911, און דאָס איינציקע געווינס איז געווען דער אַגרימענט מיט דער פֿירמע „האַרט שאַפֿנער און מאַרקס‟. די אַרבעטער האָבן געהאַט צען טעג צײַט צו מעלדן זיך פֿאַר אַרבעט. די מערסטע האָבן צוריקגעקריגן זייערע שטעלעס און די יוניאָן האָט זיך גלײַך גענומען אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין די שעפּער.

צום ערשטן מיטינג פֿון שיקאַגער שנײַדער־לאָקאַל, גלײַך ווי דער סטרײַק האָט זיך געענדיקט, זײַנען געקומען 14 נײַע מיטגלידער. מיט דער צײַט אָבער האָבן די אַרבעטער פֿון „האַרט, שאַפֿנער און מאַרקס‟ זיך גענומען מאַסנווײַז אָנשליסן אָן דער יוניאָן.

די אַרבעטער פֿון „האַרט, שאַפֿנער און מאַרקס“ זײַנען געווען צעטיילט אויף דרײַ קלאַסן: אַ יוניאָן־גרופּע; אַ געמישטע גרופּע פֿון יוניאָן־ און ניט־יוניאָן־לײַט; און אַ גרופּע פֿון דורכויס ניט־יוניאָן־לייט. ביסלעכווײַז האָט די יוניאָן דורך די יאָרן 1911, 1912 און 1913 דורכגעטראָטן זיך אַ וועג. ביסלעכווײַז האָבן זיך די דרײַ קלאַסן צוזאַמענגעגאָסן ביז זיי זײַנען ענדלעך געוואָרן אַ יוניאָן־גרופּע. לויט אַ שטודיום וועגן „האַרט, שאַפֿנער און מאַרקס“, וואָס ב. אימעט האָט געמאַכט פֿאַר דער יונײַטעד סטייטס ביוראָ פֿון לייבאָר־סטאַטיסטיק אין יאָר 1914, זײַנען אין יעדער אָפּטייל געווען ניט ווייניקער פֿון 77 פּראָצענט יוניאָן־אַרבעטער; פֿון די קאַטערס זײַנען געווען יוניאָניזירט 94 פּראָצענט, פֿון די וועסט־מייקערס – 96 פּראָצענט און פֿון די קאָוט־מייקערס – 91 פּראָצענט. די צאָל מיטגלידער פֿון די צוויי גרעסטע לאָקאַלן, 39 און 144, איז געווען 2,500 אין יאָר 1914.

אין מאָנאַט מײַ, פֿון יאָר 1911, האָבן די ניו־יאָרקער שנײַדער אײַנבאַרופֿן אַ קאָנפֿערענץ אין פֿילאַדעלפֿיע, ווו עס זײַנען געווען פֿאַרטראָטן אַ גרויסע צאָל לאָקאַלס פֿון לאַנד. דאָרט איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ שנײַדער־קאַונסיל איבערן גאַנצן לאַנד און אין קאַנאַדע. נאָך פֿילע היציקע דעבאַטעס איז אויף יענער קאָנווענשן באַשלאָסן געוואָרן, אַז די שנײַדער־יוניאָנס זאָלן ניט רוען ביז זיי וועלן ניט אָרגאַניזירן די אַרבעטער פֿון דער גאַנצער אינדוסטריע אין אַלע צענטערס פֿון לאַנד. עס איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע אויפֿצופֿאָדערן זייער אינטערנאַציאָנאַל־יוניאָן, די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס אָוו אַמעריקאַ“, אַז זי זאָל גלײַך אָנשטעלן גענוג פֿעיִקע אָרגאַניזאַטאָרס צו פֿאַראייניקן אַלע שנײַדער־אַרבעטער און זיי פֿאַרגרייטן פֿאַר דעם קומענדיקן גרויסן קאַמף.

די פֿילאַדעלפֿיער קאָנפֿערענץ, וועלכע האָט געגרינדעט דעם שנײַדער־„קאַונסיל“, האָט געגעבן דעם ערשטן ריכטיקן שטויס צו פֿאַרווירקלעכן דעם ציל, צו וועלכן די שנײַדער־אַרבעטער האָבן אין פֿאַרלויף פֿון פֿופֿציק יאָר צײַט געשטרעבט, נעמלעך – צו אָרגאַניזירן די צענדליקער טויזנטער שנײַדער־אַרבעטער אין אַ שטאַרקער, דויערהאַפֿטער יוניאָן.

די קאָמיטע, וואָס איז דערוויילט געוואָרן אויף יענער קאָנפֿערענץ, האָט גלײַך אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג און באַשלאָסן צו פֿאָדערן בײַ די גענעראַל־באַאַמטע פֿון די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס“, אַז זיי זאָלן באַשטימען מאַקס פּײַנען אַלס הויפּט־אָרגאַנײַזער פֿון די ניו־יאָרקער שנײַדער. דער דזשענעראַל סעקרעטאַר פֿון דער „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס“, ב. לאַרדזשער, האָט גלײַך אײַנגעוויליקט צו באַשטימען אַ הויפּט־אָרגאַנײַזער פֿאַר די שנײַדער, אָבער ווען אַ קאָמיטע פֿונעם „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס“, אין וועלכער דער שרײַבער פֿון דיזע צײַלן איז אויך אַרײַן אַלס פֿאַרטרעטער פֿון די געווערקשאַפֿטן, האָט אים געזאָגט, אַז די שנײַדער ווילן האָבן מאַקס פּײַנען פֿאַר דער אַרבעט, האָט ער אין אָנפֿאַנג גאָרניט געוואָלט הערן פֿון דעם, ווײַל פּײַן איז געווען צו „רעוואָלוציאָנער“ פֿאַר זיי. נאָך דעם אָבער האָבן מיר זיך געאייניקט אויף דעם, אַז עס זאָלן זײַן צוויי הויפּט־אָרגאַנײַזערס פֿון דעם קאַמפּיין, מאַקס פּײַן און ב. שווייצער. זייביידע האָבן געדאַרפֿט צוציִען אַלע נייטיקע קרעפֿטן אויף אָנצופֿירן דעם גאַנצן קאַמפּיין.

עס האָט גענומען איבער אַ יאָר צײַט ביז עס איז געלונגען די הויפּט־אָרגאַנײַזערס מיט דער הילף פֿון זייערע איבעריקע אָרגאַנײַזערס (פֿרײַוויליקע און באַצאָלטע) אַרײַנצוקריגן אין דער יוניאָן די שנײַדער־אַרבעטער פֿון די גאָר גרויסע און פֿון אַלע קלענערע שעפּער.

אין יענעם אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אײַק גאָלדשטיין, אַ שנײַדער־אַרבעטער, וועלכער איז געווען אַ טעטיקער מעמבער פֿון די „ברודערהוד אָוו טיילאָרס“. גאָלדשטיין איז געווען אַ פֿאָלקסרעדנער, אַן איינפֿאַכער שאַפּ־אַרבעטער. מיט זײַנע רעדעס, וועלכע פֿלעגן קלאָר אַרויסצײַגן זײַן ערנסטקייט און איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעטער־זאַך, פֿלעגט ער צוציִען מאַסן שנײַדער צו דער יוניאָן. נאָכן סטרײַק איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס אַ יוניאָן־אָרגאַנײַזער. ער איז געווען אַן אַנאַרכיסט. אין 1922 איז ער געשטאָרבן פֿון אַ קענסער.

אין נאָוועמבער 1912 איז שוין אַ גרויסע מאַסע פֿון די ניו־יאָרקער שנײַדער פֿון אַלע פֿאַכן און אָפּטיילן פֿון דער אינדוסטריע געווען אין דער יוניאָן. טאָג און נאַכט האָט מען געהאַלטן שאַפּמיטינגען. די באַגײַסטערונג צווישן די אַרבעטער פֿאַר אַ גענעראַל־סטרײַק איז דאַן געווען זייער גרויס. ווען אַלץ איז שוין געווען גוט צוגעגרייט האָט די יוניאָן געאָרדערט אַן אָפּשטימונג וועגן אַ גענעראַל־סטרײַק, און אַ גרויסע צאָל שנײַדער־אַרבעטער האָבן געשטימט פֿאַר אַ סטרײַק.

יענעם אָוונט האָט אַ גרויסע מאַסע שנײַדער זיך פֿאַרזאַמלט אויף ראָטגערס סקווער אַנטקעגן דער „פֿאָרווערטס"־געבײַדע אין ניו־יאָרק אויסצוהערן דעם באַריכט פֿון די שטימען־ציילער. ווען די באַאַמטע פֿון דער יוניאָן האָבן באַקאַנט געמאַכט פֿאַר דעם טויזנט־קעפּיקן עולם, אַז די גרויסע מערהייט שנײַדער־אַרבעטער זײַנען פֿאַר אַ סטרײַק, האָט די גרויסע מאַסע אַרבעטער, וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט דעם סקווער און העסטער־פּאַרק, אויפֿגעכאַפּט מיט באַגײַסטערונג דעם געשריי: „סטרײַק! סטרײַק!" און דער געשריי האָט אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער איסט־סײַד פֿון ניו־יאָרק. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקע סצענע. אין אַ וואָך אַרום איז דערקלערט געוואָרן דער גענעראַל־סטרײַק, אָדער דער „סטרײַק הגדול", ווי מען האָט אים גערופֿן. דאָס איז פֿאָרגעקומען דעם 30סטן דעצעמבער, 1912.

עס איז געווען אַ כמאַרנער טאָג. די דערוויילטע הונדערטער קאָמיטעס האָבן זיך צעלאָזן איבער דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק און געטיילט די רויטע פּראָקלאַמאַציעס. דער רוף צום סטרײַק האָט געפֿונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין די הערצער פֿון די איבער הונדערט טויזנט שנײַדער־אַרבעטער פֿון גרייטער ניו־יאָרק. אַלע ייִדישע, איטאַליענישע, פּוילישע און אַנדערע שנײַדער־אַרבעטער, פֿרויען און מענער, האָבן ווי איין מענטש פֿאַרלאָזן די שעפּער און האָבן אַוועקגעמאַרשירט אין די פֿאַרזאַמלונגס־פּלעצער, וועלכע די שנײַדער־יוניאָן האָט געדונגען פֿאַר זיי. נאַטירלעך האָט מען אַזאַ גרויסע מאַסע שעפּער ניט געקענט גרייכן אין איין טאָג. אָבער די גרעסטע צאָל שנײַדער־אַרבעטער זײַנען דאַן אַרונטער אין די ערשטע צוויי טעג. אין פֿאַרלויף פֿון דער וואָך זײַנען אַלע שנײַדער־שעפּער פֿון ניו־יאָרק אויסגעליידיקט געוואָרן.

אין רעדאַקציע פֿון „פֿאָרווערטס" האָט מען אַוועקגעשטעלט צוויי לאַנגע טישן, ווו אַלע טשערלײַט פֿון די פֿאַרזאַמלונגס־פּלעצער, אַלע טשערלײַט פֿון די קאָמיטעס, אַלע באַאַמטע פֿון אַ 25 לאָקאַלע יוניאָנס פֿון די סטרײַקנדיקע שנײַדער־אַרבעטער זײַנען געזעסן אויסגעזעצט צוזאַמען מיט דער אָפֿיציעלער פּרעס־קאָמיטע פֿון סטרײַק, מיטן סעקרעטאַר פֿון די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן בראָש און מען האָט געשריבן די נײַעס פֿון סטרײַק. אַלע פּאַסירונגען פֿון לעצטן מעת־לעת וועגן די פּיקעטלײַנס, וועגן די אַרעסטן, סעטלמענטס, – אַלץ וועגן סטרײַק. די מיטאַרבעטער פֿון „פֿאָרווערטס" האָבן אַלץ רעדאַקטירט און דער „פֿאָרווערטס" איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטרײַקאָרגאַן פֿון הונדערט און דרײַסיק טויזנט קעמפֿנדיקע שנײַדער־אַרבעטער, מענער און פֿרויען פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. אויסער דעם איז געווען אַ ספּעציעלע פּרעסקאָמיטע, וועלכע פֿלעגט אַרויסגעבן די נײַעס פֿון סטרײַק צו אַלע צײַטונגען פֿון לאַנד.

די אַדמיניסטראַציע פֿון דעם ריזיקן סטרײַק איז פֿאַרטיילט געוואָרן ווי פֿאָלגט: פּיקעט־קאָמיטע, אינפֿאָרמאַציע־קאָמיטע, שטיצע־זאַמלונג־קאָמיטע און רעדנער־קאָמיטע.

אויפֿן צווייטן טאָג פֿון סטרײַק איז אין אָפֿיס פֿון די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן געקומען דער סעקרעטאַר פֿון דיסטריקט־קאַונסיל פֿון אַלע שנײַדער־יוניאָנס, ה. לאַוונער, אַ שנײַדער־אַרבעטער בײַ קינדער־דזשעקעטס. ער איז געווען זייער אַ פֿעיִקער באַאַמטער, דאָך זײַנען די שנײַדער־אַרבעטער פֿון אים ניט געווען באַגײַסטערט נאָר דערפֿאַר וואָס זיי האָבן אים גערעכנט פֿאַר איינעם פֿון די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס", פֿון זייער אינטערנעשאָנאַל־יוניאָן, וועלכע זיי האָבן ניט ליב געהאַט, טיילווײַז דערפֿאַר וואָס זיי זײַנען קאָנסערוואַטיוו און טיילווײַז דערפֿאַר וואָס די שנײַדער האָבן געדענקט, אַז אַזוי ווי די מערסטע באַאַמטע פֿון די „יונײַטעד גאַרמענט

וואָרקערס" זײַנען קאַטערס (צושנײַדערס), קימערן זיי זיך דעריבער ניט פֿאַר די אינטערעסן פֿון די שנײַדער. דער פּרעזידענט פֿון די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס", טאָם ריקערט, איז אַליין אַ קאַטער פֿון אַ שיקאַגער לאָקאַל. דער דזשענעראַל־סעקרעטאַר פֿון די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס", באַרני לאַרדזשער, אַן עלטערער שוין אָפּגעלעבטער מענטש, איז אויך בײַם טרייד אַ העמדער־צושנײַדער.

לאַוונער, דער סעקרעטאַר פֿון ניו־יאָרקער דיסטריקט־קאַונסיל פֿון אַלע גאַרמענט וואָרקערס לאָקאַלס, האָט איבערגעגעבן צו די געווערקשאַפֿטן, אַז זיי זאָלן אָנפֿירן דיזע 4 קאָמיטעס, און איך אַלס סעקרעטאַר האָב עס בײַ אים איבערגענומען. איך האָב וועגן דעם אָנגעפֿרעגט בײַם הויפּטפֿירער פֿון יענעם סטרײַק, בײַ מאַקס פּײַנען, און ער האָט מיר געזאָגט בזה־הלשון:

דו, ברודערקע, סעקרעטאַר פֿון די פֿאַראייניקטע געווערקשאַפֿטן, דו האָסט געזען ווי אַלע דעלעגאַטן פֿון די געווערקשאַפֿטן האָבן געפֿירט דעם גאַנצן ליידיס־ווייסט־מאַכער־סטרײַק פֿון 1909, וועלכער איז געווען דער ערשטער פֿון די גרויסע ייִדישע סטרײַקס; דו האָסט געזען ווי די קלאָוק־מאַכער האָבן געהאַט זייער סטרײַק אין 1910 און די דעלעגאַטן פֿון די געווערקשאַפֿטן האָבן דאָרטן דעם גרעסטן אָנטייל גענומען. אײַערע דעלעגאַטן פֿון די געווערקשאַפֿטן האָבן געפֿירט דעם גרויסן פֿאָריער־סטרײַק אין 1912 און אַצינד מוזן די געווערקשאַפֿטן שאַפֿן אַ ריזן־יוניאָן און אַ ריזן־פֿאַרבאַנד פֿון די 250 טויזנט מענער־שנײַדער.

די עקזעקוטיוו־קאָמיטע פֿון די געווערקשאַפֿטן האָט געהאַט אַ זיצונג און די אָנפֿירונג פֿון די 4 קאָמיטעס איז איבערגענומען געוואָרן פֿון די געווערקשאַפֿטן.

די סעטלמענטס־קאָמיטע און די סטרײַק־בענעפֿיט־קאָמיטע, צוזאַמען מיט דער גענעראַל־סטרײַק־קאָמיטע, זײַנען פֿאַרוואַלט געוואָרן פֿון פֿאַרטרעטער פֿון אַלע סטרײַקנדיקע יוניאָנס, צוזאַמען מיט די הויפּט באַאַמטע פֿון די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס".

איך וויל דאָ גלײַך באַמערקן, אַז אין יענעם ריזיקן שנײַדער־סטרײַק פֿון 1913 זײַנען געווען טעטיק אַ שיינע עטלעכע הונדערט מענטשן, און עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז איך האָב ניט קיין מעגלעכקייט יעדן איינעם צו דערמאָנען.

די סימפּאַטיע פֿון גרויסן עולם פֿון גרייטער ניו־יאָרק איז דורכויס געווען אויף דער זײַט פֿון די אַרבעטער. ניו־יאָרק האָט שוין געזען אַלערליי שנײַדער־סטרײַקס, קלענערע און גרעסערע; אָבער אַזאַ מין סטרײַק ווי יענער, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע אָפּטיילן פֿון דער גאַנצער שנײַדער־אינדוסטריע, האָט ניו־יאָרק קיין מאָל ניט געזען.

די סטרײַקערס זײַנען געווען פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע געפֿינען זיך נאָר אין ניו־יאָרק. די גרעסטע צאָל סטרײַקער זײַנען געווען ייִדן, דאַן זײַנען געקומען איטאַליענער, ליטווינער, רוסן, פּאָליאַקן, דײַטשן, בעמישע, אונגאַרן, גריכן, טערקן, פֿראַנצויזן, ענגלענדער און אַמעריקאַנער.
יעדן מאָל ווען מען פֿלעגט אַרונטערנעמען אַ גרויסע שנײַדער־פֿאַבריק פֿלעגן זיך אָפּשפּילן מערקווערדיקע סצענעס.

אָט איז אין ברוקלין געלונגען אַרונטערצונעמען איינעם פֿון די גרעסטע אינסײַד־שעפּער פֿון אַ באַוווּסטער גרויסער פֿירמע. אין דעם שאַפּ האָבן געאַרבעט פֿיר הונדערט איטאַליענער, אויסער אַרבעטער פֿון אַנדערע נאַציעס. מען האָט די אַרבעטער געבראַכט מיט גרויס פּאַראַד. ווען זיי האָבן אַרײַנגעמאַרשירט אין גרויסן האָל אַרײַן, איז איינער פֿון די סטרײַקערס אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן פּלאַטפֿאָרם און האָט אין איטאַליעניש אויסגעשריִען, אַז אין נאָמען פֿון די אַרבעטער פֿון זײַן שאַפּ באַדאַנקט ער, וואָס מען האָט זיי אַרונטערגענומען אין סטרײַק, ווײַל עס איז שוין לאַנג צײַט געווען דאָס צו טאָן, און דער רעדנער פֿרעגט דעם עולם, מיט וואָס זיי קענען אָפּדאַנקען. אַלס ענטפֿער שרײַט

אויס אַ צווייטער איטאַליענער, אַז אין ברוקלין איז פֿאַראַן נאָך אַ גרעסערער שאַפּ פֿון אַ באַוווּסטער קלאָדינג־פֿירמע, ווּ מען אַרבעט נאָך; זיי דאַרף מען אויך ברענגען אַהער. „אָלרײַט“, הערט מען גלײַך שטימען אויסשרײַען אין אַלע שפּראַכן, און דער עולם פֿאָרמירט זיך אין רייען און מען מאַרשירט צום פּלאַץ.

צוקומענדיק צום שאַפּ, וועלכער איז שוין באַלעגערט מיט פּאָליציי און דעטעקטיווס, שטעלט מען זיך אָפּ. עס האָט ניט גענומען פֿיל צײַט ווי אַ פּאָר שליחים פֿון די אַרבעטער פֿון דער פֿאַקטאָרי קומען אַרונטער און גיבן אָפּ אַ באַריכט, אַז נאָך מיטאָג, אַזוי שנעל ווי מען וועט קריגן די פּיי, קומען אַלע אַרונטער און שליסן זיך אָן אין סטרײַק.

די בעלי־הבתּים און סופּעראינטענדענטס פֿון דער גרויסער קלאָדינג־פֿירמע האָבן דערשמעקט, אַז זייערע אַרבעטער, מיט וועלכע זיי זײַנען, דאַכט זיך, געווען זיכער, פֿאַרלאָזן זיי. די פֿאָרלײַט פֿאַררופֿן די אַרבעטער אויף שנעל אין שאַפּ צו אַ מיטינג און איינער פֿון דער פֿירמע שטעלט זיך אַרויף אויף אַ טיש און האַלט אַ זיסע רעדע צו די אַרבעטער, דערציילנדיק זיי ווי גוט זיי זײַנען אימער געווען צו זייערע אַרבעטער. „וואָס ווילט איר אַצינד?“ – רופֿט זיך אָפּ דער באָס. – „קורצע שטונדן? מיר גיבן אײַך. בעסערע וויידזשעס? איר קריגט עס גלײַך“. אין שאַפּ איז געוואָרן שטיל, אַלע האָבן אײַנגעהאַלטן די אָטעמס. מיט אַ מאָל רופֿט זיך אָפּ אַ שטימע אין איטאַליעניש: „מי וואָנטאַ יוניאָנאַ“. דער באָס ענטפֿערט: „וואָס דאַרפֿט איר די יוניאָן, אַז איך גיב אײַך אַלץ וואָס איר פֿאַרלאַנגט, אַבי בלײַבט אַרבעטן?“ ענטפֿערט דער זעלבער איטאַליענישער אַרבעטער בזה־הלשון: „איף יו גיוו אַס יעווריטינג, סי די וואָקינד דעלעגאַטאַ, איט ווילי בי אָלראַיטאַ“. דער באָס איז נאָך ניט געגאַנגען אין דער יוניאָן און די אַרבעטער זײַנען אַלע ווי איין מאַן אַרונטער אין סטרײַק.
אַזוי זײַנען אַלע שעפּער אַרונטער.

הײַנט די באַגײַסטערטע דעמאָנסטראַציעס, וועלכע די סטרײַקערס פֿלעגן מאַכן טאָג־טעגלעך!

אין יענעם גלענצנדיקן קאַמף איז באמת מקוים געוואָרן דער רוף פֿון דעם גרויסן אַרבעטער־פּאָעט:

„מאַן דער אַרבײַט, אויפֿגעוואַכט
און ערקענע דײַנע מאַכט,
אַלע רעדער שטייען שטיל
ווען דײַן שטאַרקער אַרם נאָר עס וויל“.

די נויט צווישן די סטרײַקערס איז געווען זייער גרויס. אויף דער צווייטער וואָך פֿון סטרײַק האָט מען אין די פֿאַרזאַמלונגס־פּלעצער ערשט באַקאַנט זיך מיט דער אמתער לאַגע פֿון די גרויסע מאַסן שנײַדער־אַרבעטער. און דאַן האָט מען דערזען, וואָס פֿאַר אַן אָרעמקייט עס האָט געהערשט צווישן די אַרבעטער, וועלכע האָבן באַקליידט כּמעט אַ האַלב אַמעריקע. פֿיל פֿון די סטרײַקערס האָבן אויף דער צווייטער וואָך פֿון סטרײַק שוין ניט געהאַט וואָס צו עסן. דערצו האָבן פֿיל סטרײַקער נאָך געקראָגן „מוף־צעטלעך“ פֿון די לענדלאָרדס, ווײַל זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן דירה־געלט.

די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן און די איסט־סײַד־דיסטריקטן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבן אָרגאַניזירט קאָמיטעס, צו וועלכע מען האָט אויך צוגעצויגן אַלע אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און פֿאַרשידענע סעטלמענט־וואָרקערס. מען האָט גלײַך געעפֿנט אַ ריי פֿרײַע קיכן, ווּ די סטרײַקערס האָבן יעדן טאָג באַקומען פֿרײַע מאָלצײַטן.

אַלע אָפּטיילונגען פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג – די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, דער „אַרבעטער־רינג“ און דער „פֿאָרווערטס“ האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אויפֿרוף צו אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַז

זיי זאָלן שטיצן דעם שנײַדערסטרײַק.

די פֿרײַע קיכן פֿאַר די סטרײַקנדיקע שנײַדער־אַרבעטער האָבן דאַן אָנגעפֿירט די איסט־סײַד־דיסטריקטן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועמעס מיטגלידער האָבן געהאָלפֿן פֿיל געהאָלפֿן אין די זאַמלונגען פֿון געלטשטיצע צווישן אַלע אַרבעטער און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס. איינער פֿון די הויפּטטוער פֿון דער ס"פּ־אָרגאַניזאַציע איז דאַן געווען לויִס שייפֿער.

זייער פֿיל געהאָלפֿן דעם סטרײַק האָט דער „פֿאָרווערטס“. אויסער דעם, וואָס ער איז געווען דער אָפֿיציעלער קאָמפּאָרגאַן פֿון די סטרײַקערס, האָט דער „פֿאָרווערטס“ נאָך אויך פֿון זײַן אייגענער קאַסע געשטיצט דעם סטרײַק מיט פֿיל טויזנטער דאָלאַר. דער איצטיקער פּרעזידענט און מענעדזשער פֿון דער אַמאַלגאַמייטעד באַנק אין ניו־יאָרק, אַדאָלף העלד איז דעמאָלט געווען דער מענעדזשער פֿון „פֿאָרווערטס“ און ער האָט אַ סך אַרויסגעהאָלפֿן מיט ראַט און טאַט דער סטרײַק־קאָמיטע.

אַדאָלף העלד איז נאָך געווען אַ סקול־בוי אין ני־פּענטס, ווען די אַגיטאַציע פֿון די ייִדישע סאָציאַליסטן אויף דער איסט־סײַד פֿון ניו־יאָרק האָט אים צוגעצויגן. ווען ער איז אַלט געווען 14–15 יאָר איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דער „סאָשעליסט ליטעראַרי סאָסײַעטי“ פֿון די יונגע סאָציאַליסטן אויף דער איסט־סײַד. צו 20 יאָר האָט מען אים געמאַכט פֿאַרן מענעדזשער פֿון „פֿאָרווערטס“. דאָס איז געווען אין 1906, ווען דער דעמאָלטיקער מענעדזשער, מאַרקוס יאַפֿע, האָט צוליב קראַנקייט געמוזט אויפֿגעבן זײַן אַמט אַלס מענעדזשער פֿון „פֿאָרווערטס“. אַדאָלף העלד האָט די גאַנצע צײַט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און די פֿירערס פֿון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג פֿלעגן אין צײַט פֿון אַ שווערן קאַמף מיט אים אָפֿט זיך באַראָטן.

ווי שוין פֿריִער געזאָגט, זײַנען אין יענעם גרויסן שנײַדערסטרײַק געווען טעטיק אַ שיינע עטלעכע הונדערט אַרבעטער. איך וויל נאָך דערמאָנען דאָ אייניקע. דאָס זײַנען: אַלעקס קאָהען, אַ פּרעסער בײַם טרייד, אַ גוטער רעדנער, און דוד וואָלף; אייב הערשקאָוויטש, דזשאָו גודמאַן, ביידע מעמבערס פֿון דער ס"פּ, און ל. באַראָן, אַן אַנאַרכיסט. ל. באַראָן איז שוין איצט טויט.

פֿיל האָבן געהאָלפֿן אין דעם שנײַדערסטרײַק: דזשייקאָב פּענקין און וויליאַם קאַרלין, אויך פֿיאָרעלאָ לאַ־גוואַרדיאַ, דער אַדוואָקאַט פֿון דעם איטאַליענישן ברענטש פֿון די שנײַדער. לאַ־גוואַרדיאַ איז איצט אַ מיטגליד פֿון דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס.

יענעם גרויסן שנײַדערסטרײַק האָט די קלאָוקמאַכער־יוניאָן, וועלכער האָט שוין געציילט 50 טויזנט מיטגלידער, געשטיצט מיט צענדליקער טויזנטער דאָלאַר.

אויסער די קלאָוקמאַכער, האָבן אין יענעם סטרײַק געגעבן שטיצע די ליידיס־ווייסט־מאַכער־יוניאָן, די פֿאָריערס־יוניאָן און אַלע אַנדערע קלענערע יוניאָנס. זיי אַלע האָבן געהאָלפֿן די שנײַדער מיט צענדליקער טויזנטער דאָלאַר. אויף אַלע שׂימחות, בעלער און אונטערהאַלטונגען – איבעראַל האָט מען געזאַמלט געלט פֿאַר דעם שנײַדערסטרײַק.

די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס“ האָבן פֿונאַנדערגעשיקט אַן אויפֿרוף צו אַלע אַמעריקען פֿעדעריישן אָוו לייבאָר יוניאָנס און אויך זיי האָבן זיך זייער פֿרײַנדלעך אָפּגערופֿן מיט שטיצע.

די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן האָט אויך געעפֿנט צוויי גרויסע גראָסערי־סטאָרס, וווּ מען האָט געטיילט צו די סטרײַקער לעבנס־מיטלען: מעל, ברויט, צוקער, בעבלעך און אַנדערע עסנוואַרג־פּראָדוקטן. די ייִדישע

בעקער־יוניאָנס האָבן צוגעשטעלט יעדן טאָג צענדליקער וועגן מיט טויזנטער לאַבנס ברויט פֿאַר די הילפֿס־גראָסעריס און פֿאַר די פֿרײַע קיכן.

די געווערקשאַפֿטן האָט אין קלינטאָן־האָל אויך געעפֿנט אַ ביוראָ, וווּ מען האָט געטיילט קליידער פֿאַר די סטרײַקער, פֿאַר פֿרויען, מענער און קינדער.

דעם געזאַמלטן געלט האָט די געווערקשאַפֿטן ניט אויסגעטיילט. זי האָט בלויז געזאַמלט דאָס געלט און עס קוויטירט דורכן „פֿאָרווערטס“, און דאַן עס איבערגעגעבן צו די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס“ וועלכע האָבן געטיילט דעם סטרײַק־בענעפֿיט.

איך וועל קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן דעם גרויסן באַזאַר וועלכן די געווערקשאַפֿטן האָט אָנגעפֿירט אין „פֿאָרווערטס“־בילדינג, צו וועלכן מען האָט אונדז אַרײַנגעשיקט פֿון אַל דאָס גוטס. די געווערקשאַפֿטן האָט אויפֿן באַזאַר געעפֿנט אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר פֿון וואָס איר ווילט נאָר אַליין. מען האָט אַלץ אויסֿפאַרקויפֿט צום גרויסן עולם און דאָס געלט איז איבערגעגעבן געוואָרן צום סטרײַקפֿאָנד.

בײַ יענעם באַרימטן באַזאַר האָב איך זיך ווידער געטראָפֿן מיט דעניעל דעליאָנען. ער איז אַהין געקומען מיט זײַנע „סל"פּ“־חבֿרים ב. ריינשטיין, ד"ר דזשוליוס האַמער מיט זײַן פֿרוי, י. שלאָסבערג, און אַנדערע. די טוער פֿון יענעם שנײַדערסטרײַק זײַנען אַ פּנים, לויט דעליאָנס מיינונג, ניט געווען קיין „פֿייקערס“, נאָר אמתע „קלאַסן־באַוווּסטע“ טוער פֿון דער קעמפֿנדיקער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער קאַמף פֿון די שנײַדער איז געווען אַ ביטערער. די קלענערע שנײַדער־באָסעס האָבן געסעטלט מיט דער יוניאָן, אָבער דאָס האָט קיין באַדײַטונג ניט געהאַט, ווײַל די רײַכע מאַנופֿעקטשורערס זײַנען געווען פֿאַרעקשנט און האָבן ניט געוואָלט סעטלען. די קליידער־פֿאַבריקאַנטן זײַנען דאַן געווען אָרגאַניזירט אין דרײַערליי אַסאָסיִיישנס. די פֿאַרפֿאָלגונגען מצד דער פּאָליציי, די ברוטאַלע האַנדלונג פֿון די געדונגענע „שטאַרקע“ גאַרדס, וועלכע האָבן געשלאָגן די סטרײַקנדיקע שנײַדער. האָבן נאָך שווערער געמאַכט די לאַגע.

נאָך צען וואָכן סטרײַקן האָט דער פּרעזידענט פֿון די „יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס“ טאָם ריקערט, באַראָטנדיק זיך בלויז מיט די באַאַמטע און עקזעקוטיוו־מיטגלידער פֿון די יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס, וועלכע האָבן גערעכנט, אַז אַ פֿולשטענדיקער זיג פֿון די שנײַדער־אַרבעטער איז ניט אַזוי זיכער, געסעטלט דעם סטרײַק.

די פֿירער פֿון דער יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס האָבן זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט דער טראַדיציע פֿון דער ייִדישער טריידיוניאָן־באַוועגונג, אַז אַ סעטלמענט פֿון אַ סטרײַק דאַרף מען מאַכן נאָר דאַן ווען די מאַסן פֿון די סטרײַקערס שטימען צו דערצו, ווען מען פֿרעגט בײַ זיי, מען באַריכט זיי און אַ מערהייט פֿון זיי שטימט צו צו דעם. ריקערט אָבער האָט זיך בײַ די סטרײַקנדיקע שנײַדער ניט אָנגעפֿרעגט, און ער האָט, אַלס פּרעזידענט פֿון די יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס, געמאַכט אַ סעטלמענט מיט דער אַסאָסיִיישן פֿון די גרויסע קליידער־פֿאַבריקאַנטן פֿאַר 54 שטונדן אַ וואָך אַרבעט, און אַ העכערונג פֿון 1 דאָלאַר אַ וואָך אויף די שׂכירות פֿון יעדן שנײַדער־אַרבעטער (די פֿאָדערונגען פֿון די שנײַדער זײַנען געווען: 48 שטונדן אַ וואָך אַרבעט, אַ העכערונג אויף די שׂכירות פֿון 5 ביז 10 דאָלאַר אַ וואָך, און נאָך אַנדערע יוניאָן־קאָנדיציעס).

דיזע האַנדלונג פֿון די יונײַטעד גאַרמענט וואָרקערס האָט דאַן אַרויסגערופֿן אַ געוואַלדיקע אַנטריסטונג צווישן די סטרײַקערס. זיי האָבן דעם באַפֿעל פֿון דעם פּרעזידענט פֿון זייער אינטערנאַשאָנאַל יוניאָן ניט געפֿאָלגט און האָבן פֿאָרגעזעצט דעם סטרײַק נאָך מיט מער ענערגיע.

צו יענער צײַט האָט די יוניאָן פֿון די סטרײַקנדיקע שנײַדער שוין געהאַט געסעטלט מיט הונדערטער מאַנופֿעקטשורערס און קאָנטראַקטאָרס פֿאַר 50 שטונדן אַ וואָך אַרבעט.

דער סטרײַק האָט נאָך אָנגעהאַלטן דרײַ וואָכן צײַט און איז ענדלעך געסעטלט געוואָרן מיט דער אַסאָסיִיישן פֿון די גרויסע קליידער־פֿאַבריקאַנטן פֿאַר 53 שטונדן אַ וואָך אַרבעט דעם ערשטן יאָר, און 52 שעה אַ וואָך דעם צווייטן יאָר. דער הויפּטסעטלער פֿון יענעם סטרײַק איז געווען מאיר לאָנדאָן, דער ליגל אַדוויַיזער (געזעצלעכער ראָטגעבער) פֿון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן, וועלכער איז באַאויפֿטראַגט געוואָרן פֿון דער גאַנצער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג צו סעטלען דעם שנײַדערסטרײַק.

מיט די קלענערע אַסאָסיִיישנס פֿון שנײַדער בעלי־בתּים, וועלכע האָבן באַשעפֿטיקט שנײַדער־אַרבעטער אין זייערע „אינסײַד“־פֿאַבריקן און אויך בײַ קאָנטראַקטאָרס (בײַ זיי זײַנען געווען באַשעפֿטיקט אַ 50 פּראָצענט פֿון אַלע סטרײַקערס) איז דער סעטלמענט געמאַכט געוואָרן פֿאַר 50 שטונדן אַ וואָך אַרבעט מיט אַ גרויסער העכערונג אין שׂכירות.

דעם 8טן מאַרטש, 1913 איז דער גענעראַל־סטרײַק פֿון די שנײַדער־אַרבעטער דערקלערט געוואָרן פֿאַר געענדיקט.
דרײַ מאָנאַטן האָט דער גענעראַל־סטרײַק אָנגעהאַלטן ביז ער איז ענדלעך געוווּנען געוואָרן.

די גאַנצע דרײַ מאָנאַטן פֿון יאַנואַר, פֿעברואַר און מאַרטש, איז דער רויש און טומל פֿון דעם ריזנהאַפֿטן אינדוסטריעלן שנײַדערסטרײַק געווען זייער שטאַרק און גרויס.

און ווען דער סטרײַק איז געענדיקט געוואָרן, זײַנען אין דער ייִדישער טריידיוניאָן־באַוועגונג אָנגעקומען נײַע קאַמפֿן, נײַע יוניאָנס פֿון ייִדישע אַרבעטער, נײַע סטרײַקס, אַ גאַנצער ים פֿון נײַע טריידס זײַנען דאַן צוגעשווּמען און האָבן געפֿאָדערט אַז מען זאָל זיי אויך אָרגאַניזירן.

די טריידיוניאָן־באַוועגונג פֿון די ייִדישע אַרבעטער האָט דאַן דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פֿון דערפֿאָלג. די צאָל מיטגלידער פֿון די יוניאָנס איז שטאַרק געוואַקסן און עס איז אויך געוואַקסן די צאָל לאָקאַלע יוניאָנס. די באַוועגונג האָט געבראַכט גרויס נוצן די אַרבעטער־מאַסן און האָט אַרויסגערופֿן צו זיך דעם רעספּעקט פֿון אַלעמען. נײַע קרעפֿטן זײַנען צו אונדז צוגעשטאַנען. פֿיל, וועלכע זײַנען דאַן צוגעקומען אין די ייִדישע יוניאָנס, האָבן ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק ווייניק זיך געקימערט וועגן די יוניאָנס. זיי זײַנען צוגעשטאַנען צו אונדזערע רייען אַלס רעזולטאַט פֿון יענעם גרויסן קאַמף.

דער שנײַדערסטרײַק האָט געגעבן אַ גלענצנדיקן בײַשפּיל פֿון דעם וואָס די אַרבעטער קענען געווינען דורך אייניקייט און מוטיקן קאַמף.

דרײַ און דרײַסיק מיליאָן דאָלאַר האָט געקאָסט די רײַכע קלאָדינג מאַנופֿעקטשורערס דער שנײַדערסטרײַק. די בעלי־הבתּים האָבן פֿאַרלאָרן דעם פּראָפֿיט פֿון סעזאָן און פֿיל מער. די אַרבעטער האָבן געוווּנען אַזוי פֿיל, אַז עס איז געווען שווער אויסצורעכענען זייערע געווינסן.

אייבערפֿלעכלעך איז דער חשבון געווען דער פֿאָלגנדיקער:
דורכשניטלעך האָט נאָך יענעם סטרײַק יעדער שנײַדער געאַרבעט מיט זיבן שטונדן אַ וואָך ווייניקער ווי פֿאַרן סטרײַק. די גרויסע מאַסן שנײַדער, וואָס האָבן געאַרבעט פֿאַר קאָנטראַקטאָרס בײַ קאָוטס, פּאַנטס און וועסטן, האָבן פֿאַר דעם סטרײַק געאַרבעט 58, 62 און מער שטונדן אַ וואָך. אין די אינסײַד־שעפּער האָט מען אויך

געאַרבעט 57, 56 און 54 שטונדן אַ וואָך. די טשילדרען־דזשעקעט־מאַכער, געבייסטע און אומגעבייסטע, ווי אויך אַ קליינע צאָל „לייבל־אַרבעטער“ פֿלעגן דאַן אַרבעטן 53 שטונדן אַ וואָך. און צום שלוס פֿון יענעם גענעראַל־סטרייַק האָבן די גרעסטע צאָל שנייַדער געאַרבעט בלויז 50 שטונדן אַ וואָך. אויף 53 שטונדן אַ וואָך האָט מען געסעטלט פֿאַר אַ קלענערער צאָל אַרבעטער. ווען מיר האָבן גענומען אויסרעכענען די צאָל שטונדן, וואָס די שנייַדער־אַרבעטער האָבן דאַן געווּנען, איז אויסגעקומען, אַז אַלע שנייַדער־אַרבעטער אין ניו־יאָרק האָבן נאָכן סטרייַק פֿון 1913 געאַרבעט אין דורכשניט מיט 7 שטונדן אויף יעדן אַרבעטער אין יעדער וואָך ווייניקער ווי פֿאַרן סטרייַק. און ווען מען האָט אַרונטערגערעכנט צו 7 שטונדן פֿון הונדערט און דרייַסיק טויזנט אַרבעטער, האָט עס באַטראָפֿן 910 טויזנט געווּנענע שטונדן.

די שנייַדער־בעלי־הבתּים, וועלכע האָבן געספּענדט אַזוי פֿיל מיליאָנען דאָלאַרס אום צו צעברעכן דעם גרויסן שנייַדערסטרייַק, פֿלעגן דאַן אָפּרייַסן די טעלעפֿאָן פֿון די פֿאַרשיידענע שנייַדער־לאָקאַלס, בעטנדיק מען זאָל זיי שיקן אַרבעטער, און דווקא יוניאָנלייַט האָבן זיי געפֿאָדערט. אַ ברירה האָבן זיי געהאַט?

די שנייַדער־בעלי־הבתּים, סייַ די קלענערע און סייַ די גרויסע מאַנופֿעקטשורערס האָבן דורך דער צייַט פֿון סטרייַק אויסגעגעבן אוצרות מיט געלט, כּדי זיי זאָלן קענען אויספֿירן, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפֿן אָנערקענען די יוניאָן, אָבער נאָך יענעם סטרייַק, ווען עס האָט געטראָפֿן בייַ זיי אין שאַפּ דער קלענסטער טראָבל, האָבן זיי זיך געשראָקן, אַז די אַרבעטער וועלן ווידער אַרונטער פֿון דער אַרבעט און זיי פֿלעגן גלייַך טעלעפֿאָנירן אין דער יוניאָן: „פּליז, שיקט אונדז אַ פֿאַרטרעטער פֿון דער יוניאָן. שיקט אונדז די גאַנצע יוניאָן, אַבי גלייַכט אויס בייַ מיר דעם טראָבל“ (סיכסוך).

איך בין געווען אָנוועזנד בייַ אַ גוט באַזוכטן געשעפֿטס־מיטינג פֿון אַ שנייַדער־לאָקאַל־יוניאָן. דער טשערמאַן האָט אויסגערופֿן יעדן מעמבער באַזונדער און האָט בייַ יעדן, אין מייַן אָנוועזנהייט, געפֿרעגט: „וויפֿל באַטרעפֿט אייַער רייַז פֿון ווייִדזשעס?“ אייניקע האָבן גענטפֿערט, אַז זיי באַקומען מיט 4 דאָלאַר אַ וואָך מער; אייניקע מיט 6 דאָלאַר אַ וואָך; אייניקע מיט 8 דאָלאַר, און עס האָבן זיך געפֿונען זאָגאַר אַזעלכע אַרבעטער, וואָס האָבן פֿאַרן סטרייַק באַקומען 18 דאָלאַר אַ וואָך און נאָכן סטרייַק – 28 דאָלאַר אַ וואָך.

„עס איז ניט געווען קיין פֿראַגע פֿון שׂכירות, עס איז געווען אַ פֿראַגע פֿון שטונדן“ – האָט דער טשערמאַן פֿון דער פֿאַרזאַמלונג דערקלערט.

נאָך אַ וויכטיקן געווינס פֿאַר די שנייַדער־אַרבעטער איז דאַן געווען וואָס דער סטרייַק האָט אָפּגעשאַפֿט די סאָב־ און אינסייַד־קאָנטראַקטאָרס. דאָס איז געווען אַן אַלטע מכּה, וואָס האָט עקזיסטירט אין אַלע ניט־אָרגאַניזירטע טריידס. דער באָס אָדער דער קאָנטראַקטאָר פֿלעגט אַרויסגעבן צו אַרבעטער אַ גאַנצן פּאָדריאַד אַרבעט, און דיזער אַרבעטער פֿלעגט נעמען פֿון זייַן האַנט אַרויסהעלפֿערס, מייִנסטנס לערנערס, וועמען ער פֿלעגט צאָלן די קלענסטע ווייִדזשעס און אַרויסטרייַבן די קישקעס פֿון די אומגליקלעכע וואָס פֿלעגן געצווּנגען ווערן אָנצוקומען אויף אַזעלכע דזשאַבס.

דאָס זייַנען געווען די געווינסן פֿון אַ סטרייַק, וועלכער איז ניט פֿולשטענדיק געווּנען געוואָרן. דאָס איז געווען נאָר דער אָנפֿאַנג פֿון אַ פֿאַרלייַכטערונג פֿאַר די אַרבעטער, ווייַל דאָס ריכטיקע איז ערשט געקומען שפּעטער.